UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kurtse Eseyen/ Short Essays

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/27k4t5kc

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

**Author**
Lev Wasserman, Leyb Vaserman/

**Publication Date**
1981

**Copyright Information**
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# קורצע עסייען

## 1. איינפלוס

גאָר אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן איינפלוסן ביי פּאָעטן און קינסטלער. דער קריטיקער באַטאָנט עס אָבער מער־סטנס ווי אַ פאַקט, אָן אַ טיפן אַריינדרינגג אין דעם ענין, ווייל דאָס איז ניט די אויפגאַבע פון קריטיק. און ווען מען טוט עס אויף אַזאַ אופן, איז עס פאַרן לייענער נאָך ווייניק קלאָר. איינפלוס איז אָבער אַ גאָר וויכטיקער ענין נישט נאָר אין קונסט און פּאָעזיע, נאָר אינעם גאַנצן מענטשלעכן לעבן, און ס'איז בייטיק זיך אָפּצושטעלן וועגן דעם מער אויספירלע־כער.

עס גייט אין דעם, וואָס אָן איינפלוס איז בכלל נישטאָ קיין גייסטיק לעבן, קיין גייסטיקע אַקטיוויטעט און קיין גייסטיק שטייגן. דער באַשאַף מיט זיינע אַלע באַ־זונדערקייטן, דער סאָציאַל־געזעלשאַפט־לעכער אומרו, זיינען די אַלע אָנגעזעענע און באַהאַלטענע איינפלוסן, פון וואָס עס באַשטייט דער גייסטיקער אָנזען פון יעדן מענטש.

אַוודאי ווערט יעדער מענטש געבוירן מיט אַ גייסטיקער פּאָטענץ, וואָס געהער נאָר צו אים. אָבער די דאָזיקע פּאָטענץ איז נאָך אָן די איינפלוסן פון דעם דאָ־איקן דויער, וואָס ערשט זיי ציען זי אויס צו איר גאַנצער קראַפט.

ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז ביי די מער־סטע מענטשן זיינען די איינפלוסן נישט צו דיפערענצירט, אַז איין מענטש זאָל זיך שאַרף אויסטיילן פון אַ צווייטן. די מער־סטע מענטשן שאַפן ניט פון זייערע איינ־פלוסן קיין אָנגעזעענעם אינזיך. זיי קאָ־נען ווערן אַזוי אויסגעשליפן, אַז זיי זאָלן ניט שטאַרצן ווי באַזונדערע און רויע, נאָר זאָלן זיין סובטיל און איינגעגלידערט איינע אין די אַנדערע.

אויך דאַרף מען זאָגן, אַז די מערסטע מענטשן וואָס אַסימילירן ניט אויף אַ גאָר סובטילן אופן די איינפלוסן, נעמען זיי אויך נישט אַריין אין זיך אין אַ גאָר גרויסער צאָל. וואָס דער מענטש איז ווײ־ניקער אינטעליגענט אָדער באַגאַבט, אַלץ ווייניקער איינפלוסן קומען אין אים אַריין. ער האָט נאָך נישט אין זיך די כלי און נישט די אויפנאַמס־פעאיקייטן פאַר דער גרויסער צאָל איינפלוסן פון פאַר־שיידענע פלוסן. במילא איז זיין זעלבסט ניט בלויז ניט קיין קאָאָרדינירטער פון איינפלוסן, נאָר אויך אָרעמער אין זיי. און אויב זיי זיינען אפילו דאָ אין אים מער, אָדער גאַנץ היפשלעך, זיינען זיי פון די מער אויבערפלעכלעכע געשעע־נישן, און פון דער מער אויבערפלעכלע־כער זייט פון די קעגנשטאַנדן. די מער טיפערע, העכערע און ווייטערע, קומען אין אים אַריין ווייניק, אָדער שאָטענען אין אים בלויז אָפּ אויף אַ נישט דייטלעכן אופן, ווייל אַזוינע זיינען פאַרבונדן מיט אינערלעכע נאָכפרעגענישן.

אַ וווּנדערלעכע קאָאָרדינאַציע פון איינ־פלוסן טרעפן זיך נאָר ביי הויך־באַגאַבטע מענטשן, פּאָעטן און קינסטלערס, וואָס דאַרפן אומפאַרגלייכלעך מער ווי אַלע אַנדערע הויך־באַגאַבטע מענטשן אַרויס־ברענגען זייער זעלבסט, ווייל פּאָעזיע און קונסט זיינען געביטן פון דער סאַמע פאַר־נעמלעכסטער זעלבסט־אַנטפּלעקונג, אַסי־מילירן טאַקע מער פון אַלע אַנדערע די אַלע איינפלוסן פון וועלכע עס באַשטייט זייער הויך־באַגאַבונג. און אַזוי איז עס אויך מיט די איינפלוסן וואָס זיי באַקומען פון אַנדערע פּאָעטן און קינסטלערס, סיי פון פאַרגאַנגענער און סיי פון מיטצייטלער. עס איז נישטאָ אין דעם זין קיין שום אַנדער כלל, ווי דער כלל, וואָס ביי אַלע איינפלוסן פון באַשאַף און לעבן.

וואָס מער דער פּאָעט אָדער קינסט־לער איז באַגאַבט, נעמט ער אויף דעם איינפלוס פון אַן אַנדער קאָלעגע אויף אַזאַ אופן, ווי דער איינפלוס וואָלט נאָך געווען פונעם ערשטן מקור; דאָס הייסט, ווי ער וואָלט אים אַליין אויפגענומען פו־נעם באַשאַף גופא. ער באַפרייט דעם איינפלוס פון דעם אַלעם, וואָס איז שייך

צום זעלבסט פֿונעם פּאָעט אָדער קינסטלער, פֿון וועלכן ער איז באַאיינפֿלוסט געוואָרן. ער נעמט נאָר דאָס אומשייכותדיקע, וואָס איז צו קיינעם ניט שייך, אַט אַזוי, ווי ס'איז געווען און ס'איז אייביק דאָ אין די פֿאַרהוילענישן פֿונעם באַשאַף, און וואָס יענער, וואָס האָט אים באַאיינפֿלוסט, האָט דאָס אויפֿגעכאַפּט דער ערשטער. און אויב אפֿילו ער נעמט עס צוזאַמען מיט יענעמס אַן אייגנאַרטיקן שטריך, דורך וועלכן יענער האָט עס אַסימילירט אין זיך, אַסימילירט ער אין זיך אויך יענעמס אייגנאַרטיקן שטריך, אַזוי גוט און איינהייטלעך צו זיין אייגענער אייגנאַרטיקייט, ווי דאָס וואָס ער נעמט פֿונעם באַשאַף גופֿא.

ביי אַזוינע הויך־באַגאַבטע פּאָעטן און קינסטלערס, וועט דער קריטיקער קיין מאָל ניט טרעפֿן קיין איינפֿלוסן. אָבער וואָס שייך די ווייניקער באַגאַבטע, זיינען זייערע איינפֿלוסן נישט תּמיד אַסימילירט אין זייער זעלבסט אויף אַזאַ פֿולן אופֿן, אַז מען זאָל זיי נישט אָנזען. און דאָ זיינען די רייד, פֿאַרשטייט זיך, ווען זייערע איינפֿלוסן זיינען פֿון אַנדערע טאַלאַנטן. וואָס שייך די איינפֿלוסן פֿון באַשאַף גופֿא, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, אַז זיי האָבן דעם איינפֿלוס פֿון אַ באַרג אָדער אַ בוים. דאָס וואָס זיי האָבן ניט קיין גענוגנדיקן אוממיטלבאַרן זעלבסט, פֿירט זיי צו דעם, אַז דאָס ליד, אָדער דער איינפֿלוס פֿון אַ בוים אָדער אַ באַרג, זאָל נישט זיין גענוג אייגן, זאָל האָבן אין זיך אויך באַנאַליטעטן, אָדער נישט קיין טרעפֿלעכע פֿערזן. אָבער וואָס שייך דעם איינפֿלוס פֿון אַן אַנדער פּאָעט אָדער קינסטלער, וואָס זיי האָבן נישט גענוג אַסימילירט אין זיך, וועט דער געניטער קריטיקער אים שטענדיק באַמערקן. און באַמערקן וועט מען דאָס נישט דערפֿאַר וואָס ער האָט גענומען פֿונעם אַנדערן אוממיטלבאַרע טיפֿקייטן און זיי נישט אַסימילירט. ניין, גראַד דער וואָס נעמט פֿון אַן אַנדערן אוממיטלבאַרע טיפֿקייטן, מוז זיי אַסימילירן. דער כּוח פֿון זייער קאָנען ביים אַנדערן דערהערן און דערזען, איז דער כּוח פֿון זייער קאָנען אַסימילירן. ס'איז דער זעלבער כּוח, די זעלבע באַגאַבונג. האָט מען נישט אַזאַ באַגאַבונג, ווערט מען פֿון דעם אַנדערן באַאיינפֿלוסט פֿון דעם מער אַלגעמיינעם, פֿון זיינע מער קלענערע מדרגות.

די וואָס מאַכן נאָך שלום עליכמען, מאַכן ניט נאָך דאָס שלום עליכמישע, וואָס איז טיף אוממיטלבאַר, נאָר דאָס שלום עליכמישע, וואָס איז מער אַלגעמיין. עס איז דאָס זעלבע וואָס מיטן בוים און מיטן באַרג. דער ניט גענוגנדיק עכטער טאַלאַנט נעמט אויך פֿונעם בוים און פֿונעם באַרג, ניט ווייניק פֿונעם אַלגעמיינעם. ביי שלום עליכמען איז אויך דאָס אַלגעמיינע שלום עליכמדיק אייגנס, ווייל עס פֿלאַטערט אויך מיט זיין זעלבסט, הגם פֿון אַ קלענערער מדרגה. אָבער ביים איבערנעמער, ביים באַאיינפֿלוסטן, איז עס שוין דאָס נאָכגעמאַכטע, וואָס איז אַמאָל בעסער און אַמאָל ערגער.

דאָס אַלגעמיינע ביי אַ גרויסן שרייבער קאָן נאָר האָבן אַ זעלבסטלעכן אָדער עכטן ווערט ביי אים אַליין. קיין שום עכטער פּאָעט אָדער קינסטלער אַסימילירט נישט דאָס אַלגעמיינע פֿון אַן אַנדערן, ווייל ווי דאָס אַלגעמיינע, גייט עס אין אים דורך אַן אינערלעכן איבערבלייב. אַזוינס נעמט ער פֿונעם באַשאַף גופֿא און פֿורעמט עס דורך אַן אייגענעם אַנהויך, וואָס קומט פֿון אַן אַלגעמיינער אייגענער אינספּיראַציע, וואָס איז ניט פֿאַר קיין העכערע מיסטעריעס. און אויך דאָס אַלגעמיינע, הגם ס'איז ביי יעדן עכטן טאַלאַנט, לויט זיין אייגנאַרטיקן זעלבסט, איז עס ביי איינעם פֿון אַ העכערער מדרגה, און ביי אַן אַנדערן פֿון אַ קלענערער, ווייל אויך דאָס דאָזיקע האָט אינעם גראַד פֿון אַלגעמיינקייט, מדרגות.

ס'איז אָבער אויך אַ פֿאַקט, אַז ניט נאָר ביי אַ קלענערן טאַלאַנט ווערט דורכן קריטיקער באַמערקט אַן איינפֿלוס, נאָר אויך אפֿילו ביי אַ גאַנץ באַדייטנדיקן. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס אויב אפֿילו אַן עכטער טאַלאַנט, איז נאָך אַלץ ניט גענוג עכט, קאָן ער נאָך גאַנץ אָפֿט איבערלאָזן ניט פֿאַרדייטעטע שפּורן, אין דעם, וואָס ער אַסימילירט פֿון אַן אַנדערן. עס גייט אין דעם, אַז הגם ער נעמט ניט פֿונעם אַנדערן דאָס אַלגעמיינע, ווי דער קלענערער טאַלאַנט, האָט ער אָבער נישט דעם גענוגנדיקן כּוח צו דערהערן דאָס גרויסע, און נעמט ביי אים פֿון די מדרגות, וואָס זיינען

נישט קיין גאַלע רוחניות, נאָר אַ געמיש מיט גשמיות; און דער גשמיותדיקער צומיש שטערט צו אַסימילירן עס. דורכויס אַסימילירן לאָזט זיך בלויז דער ריין רוחניותדיקער אַנהויך, ווייל רוחניות איז אומטיילבאַר. אָבער דער גשמיותדיקער צומיש, וואָס איז טיילבאַר, נעמט נישט איינהייטלעך, שטערט אַסימילירן אויך דאָס רוחניותדיקע.

דער העכערער טייל פונעם זעלבסט פון אַן אוממיטלבאַרן טאַלאַנט, ווו ס'קומט פאָר דער פּראָצעס פון אַסימילירן איינפלוסן, איז אַן איינהייטלעכער, אַ ריין רוחניותדיקער. און אויך פון אַן אַנדערן קאָן ער אַסימילירן נאָר דאָס רוחניותדיקע, וואָס איז אויך איינהייטלעך. נישט דאָס איינהייטלעכע קאָן קיין מאָל נישט אַסימילירט ווערן. דער עכט־אַסימילירטער אַנהויך איז נאָר אַן איינהייטלעכער פּועל יוצא. ער איז איינהייטלעך, ווייל ס'איז נישטאָ אין אים קיין שפּורן. וואָלט ער געווען נישט איינהייטלעך, וואָלט ער געהאַט שפּורן, וואָס וואָלטן געפירט צום באַאיינפלוסער. און שפּורן זיינען איבעם גדר פון טיילבאַרקייט, פון עפּעס וואָס איז שוין גשמיות, אָדער געמישט מיט גשמיות.

## 2. שלימות

ווען מען רעדט פון שלימות אין פּאָעזיע אָדער קונסט, דאַרף מען קודם פאַרשטיין, וואָס מיינט מען מיט שלימות: צי איז שלימות דאָס עטישע, אָדער, ווי מען זאָגט עס, די עסטעטישע גאַנצקייט פון דער פאָרם. אוודאי איז היינט ביי אַ סך אָנגענומען, אַז שלימות איז טאַקע נישט קיין אַנדערס ווי די פּערפעקטקייט פון דער אַזוי גערופענער עסטעטישער פאָרם. אָבער צי איז דאָס טאַקע אַזוי? דער ענטפער איז, אַז ס'איז נישטאָ קיין צוויי מינים שלימות. און נאָך מער: די אַזוי גערופענע שלימותדיקע עסטעטישע פאָרם, האָט נישט אין פּאָעזיע און קונסט קיין אייגענע זעלבסטשטענדיקייט, אָדער אייגענעם זכות. וואָס טיפער דער פּאָעט אָדער קינסטלער ברענגט אַרויס זיין אוממיטלבאַרע אויפפאַסונג וועגן אַ זאַך, אַלץ שלימותדיקער איז זי. עס הייסט, אַז די שלימותדיקייט איז אין דעם וואָס ער אַנטפּלעקט די זאַך אין איר פולקייט. און אַז מען טוט דאָס אויף אַזאַ אופן, איז עס אַלע מאָל אידענטיש מיטן עטישן.

אין דער טיפקייט פון באַשאַף און לעבן זעט מען אַלץ וועזנטלעכער דאָס טראַגישע. און דאָס טראַגישע קאָן נישט פאַרשטאַנען ווערן אָן דער עטישער פאַרזעצונג. ס'איז אַזוי ווי די עטישע פאַרזעצונג וואָלט טאָטאַל געדרונגען פונעם טראַגישן גופא, ווי זי וואָלט געווען ניט נאָר אַ וויטערדיקער טייל, נאָר דער כסדרדיקער הויכפּונקט.

ס'איז ניט שווער צו איינזען, אַז דורך דעם וואָס דאָס טראַגישע איז געקומען אומטיילבאַר מיטן לעבן, איז עס אין דער גאַנצער טיפקייט ניט נאָר דאָס דערשיטערנדיקע, נאָר אויך דאָס פאַרענטפערנדיקע. וואָס טיפער מיר דערקענען עס דורך דער גרויסער אוממיטלבאַרער איבערלעבונג, אַלץ איינשטילנדיקער באַשיידט זיך עס פאַר אונדז. דאָס איז נישט ווייל מיר, זייענדיק עטיש איינגעשטעלט, ווילן אַזוי, נאָר אַזוי באַשיידט עס זיך אין איר פולקייט און טיפקייט, ווייל דער דאָזיקער באַשייד איז נישט קיין צוגאָב צום לעבן, נאָר דאָס לעבן גופא, דער גאַנצער פאַרנעם דערפון.

אויך ווען מען דרינגט גאָר טיף אין דער הנאה פון לעבן נישט אויף קיין באַלדיקער מעטע, מוז מען אויסגעפינען, אַז צוזאַמען מיט דעם, כמעט באַנאַנד, שלייכט זיך דער טויט, דער צוריקטריט און אַלערליי ווייטאָגדיקע הינדערונגען. פאַרטיפערן אין אַזאַ וואָר די הנאה און פאַרקלענערן דעם צער קאָן מען נאָר דורך גוטסקייט און הכנעה. אַן אַזאַ דערנעענטערונג צו יעדן יש איבעם באַשאַף בלייבט אַלץ פרעמד און ליידיק, פלאַך און נישט אַנטדעקט. ס'ווערט דערפון פאַרמידן דער גייסט, די פּאָעזיע, די קונסט.

מען דאַרף אויך פאַרשטיין, אַז אפילו דאַן, ווען די הנאה שיינט צו זיין אַן אָפּגעזונדערטע פון אַלע הינדערונגען, איז זי דורכויס אַ מיסטעריע, וואָס איר שורש

איז די גאַנצע מיסטעריע פון לעבן, דער באַשאַף און דער באַשעפער. אַן אַזאַ ווייטזען האָט נישט קיין שום אַנונג קיין אויסגאַנג. און אַן הכנעה קאָן מען צו אַזאַ אויסגאַנג נישט דערלאַנגען. הכנעה איז דאָ דער סאַמע עטישסטער אויסבליק, דער ווייטסטער אויפפיר, וואָס קאָן נאָר געדאַכט ווערן. אַלץ וואָס מיר הערן אָדער זעען אין דער טיף, מוז אויפגיין אין אַזאַ ענדלאָזער ווייטעניש, ווו דאָרט איז דער געקרוינטער מקור. און ווייל דער מקור איז פון אַזאַ פאַרנעם, און דער מענטש מיט זיינע אַלע העכערע כוחות מוז זיך אַלע מאָל צוריקציען צו דער ערד און צום תחום פון זיין ענדלעך געשטאַלט, דרינגט אויך פון דעם אַ טראַגישקייט, וואָס די אויסזיכטן דערפון בלייבן איבער פערמאַנענט.

אָט דערפאַר איז די שלימות, וואָס איז דורכויס פאַרבונדן מיטן עטישן באַשייד פון לעבן, די סאַמע פולסטע, וואָס נאָר פון איר דרינגט דאָס גאַנצע עסטעטישע, אָדער עסטעטישע פאָרם. עס איז נישטאָ קיין עסטעטישע פאָרם וואָס זאָל זיין אַ מין באַזונדער סטאַטוס אין דער פאָעטישער שאַפונג. די אוממיטלבאַרע איבערלעבונג, וויבאַלד זי איז טיף און פול, איז זי טיף און פול מיט איר באַזונדערער עסטעטישקייט, באַזונדערער געמאָסטנקייט און ריטם, אָדער מיט איין וואָרט: מיט אַלע עלעמענטן פון איר שלימותדיקער שיינקייט. דאָס געזאָגטע, דאָס דערהערטע און דאָס געזעענע אין דער טיף, מוז באַלד און איינצייטיק אַרויסברענגען די טיפע פאָרם דערפון. עס ווערט נישט נתגלה קיין שום אויסדרוק אָן זיין פאָרם. דאָס וואָרט איז איינצייטיק אי דער זינלעכער אויסדרוק אי די פאָרם פונעם זין. און דורך יעדן עכטן זין גט דורך אַ דינע הכנעה, וואָס איר אויסשטראַל איז גוטסקייט. ווען אונדזער געפיל מיידט אויס הכנעה, ווערט ער איינגעשרומפן שיער נישט ווי ביי אַ חיה, ווייל הכנעה, חוץ וואָס זי האָט אויך פאַר זיך אַליין, מערערע גאָר ווייטע באַדינגונגען, באַשטיין אָבער אויך דורכויס פון דער דינסטער גוטסקייט, פון אַן עטישער אַכטונג און איבערגעגעבנקייט צו יעדן יש.

## 3. פערזענלעכקייט

דער אַנערקענטער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס מען האַלט אַז ער ווייסט אַלץ, איז פאַקטיש צווישן די אומפּעאיקסטע מענטשן, ווען עס גייט אין זאָגן אונדז, וואָס איז די פערזענלעכקייט פון דעם אָדער יענעם עכטן פאָעט. די פערזענלעכקייט פון אַזאַ פאָעט קאָן קיינער נישט דעפינירן, ווייל זי איז גאָר דין און אומדערגרייכבאַר דורך פּראָזאַישע דעפיניציעס.

אויך דער פאָעט זעלבסט וועט אונדז קיין מאָל נישט דעפינירן אין פּראָזע וואָס איז אייגנטלעך זיין פערזענלעכקייט. דאָרט ווו ער זאָגט עס אונדז יאָ — זיינען עס זיינע עכטע לידער, ווייל אין יעדער אַזאַ ליד זאָגט ער אונדז עפּעס אויס וועגן דעם. ער האַלט עס אונדז אין איין זאָגן און דערזאָגן אַזוי לאַנג ווי עס דויערט זיין שעפערישקייט.

אויב מיר זאָלן זיך באַנעמען צו אַזאַ פאָעט דורך אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט, אָדער דורך דעם ברייט אוניווערסאַלן, און זאָגן אַז ער איז דער פאָעט פון נאַציאָנאַלע אַנטפּלעקונגען, פון אויסלייזערישע אידעען, אָדער מיר ווען זיך צו אים באַנעמען עסטעטיש און זאָגן, אַז זיינע שורות זיינען העלזעערישע אא"וו, וועלן מיר דערמיט נאָר אָנווייזן אויף אויסערלעכע און אַלגעמיינע שטריכן פון זיין פאָעזיע, וואָס ווייזן בשום אופן נישט זיין אייגנאַרטיקייט, אָדער זיין אייגענע פערזענלעכקייט. אַלצדינג וואָס מיר וועלן פאָרמולירן אין אַזוינע טערמינען וועט אונדז פירן ניט צו קיין דייטלעכער אויסטיילונג, נאָר צו אַ פולער פאַראַלגעמיינערונג, ווייל פאָעטן העלזעער און ליריקער מיט נאַציאָנאַלע אָדער פרייהייטלעכע אידעען קאָנען מיר אין דער ליטעראַטור טרעפן נאָך און נאָך. און אויב אַזוינע פאָעטן זאָלן זיין אפילו נישט מער ווי צוויי אין דער וועלט, אָדער דער דאָזיקער זאָל זיין אפילו דער איינציקער, זאָגט עס אויך גאָרנישט וועגן זיין פאָעטישער פערזענלעכקייט, ווייל דער „מקום מקלט" פון באַפרייערישע אידעען, און אפילו פון העלזעערישקייט און לירישקייט, איז פון אַלגעמיינעם שטאַנדפונקט דער זעלבער

פאַר נאָך אַנדערע פאָעטן, ווו יעדער פון זיי אַנטפלעקט דאָרט זיין אייגנאַרטיקע באַזונדערקייט.

אַוודאי קאָן דער קריטיקער זיך נישט באַגיין אָן די אַלגעמיינע דעפינירונגען. ער מוז אָבער וויסן, אַז מיט דעם האָט ער נאָך גאָרנישט געזאָגט. אויב ער איז נישט פעאיק אָנצוטרעפן אינעם פאָעטס בוך די טרעפלעכסטע ציטאַטעס פונעם פאָעטס פערזענלעכקייט און זיי ציטירן אין דער נייטיקער מאָס פאַרן לייענער, און דערביי אַרויסדרינגען דאָס וואָס מען מוז אַרויסדרינגען, האָט ער מיט זיין שרייבן גאָרנישט געזאָגט.

בלויז די פאַראַגראַפן פונעם קריטיקער, ווו ער רעדט טרעפלעך אַרום דעם טרעפלעכן ציטאַט, זיינען דער תמצית פון אמתער קריטיק. דאָס איז דאָס סאַמע ווערטפולע און שעפערישע, וואָס דער קריטיקער דאַרף באמת געבן דעם לייענער, דער ליטעראַטור, ווי אויך דאָס וואָס ער דאַרף צוריקגעבן דעם באַאַרעפנדיקן פאָעט.

## 4. הומאָר

ס'איז דאָ אַ געוויסער זין אין דער מיינונג, אַז אונטערדריקטע פעלקער גיבן אַרויס מער הומאָריסטן ווי מעכטיקע. ס'וועט אָבער נישט זיין ריכטיק צו מיינען אַז אונטערדריקונג קאָן דינען ווי אַ גרינטלעכע נייגונג צו הומאָר. וואָלט עס געווען אַזוי, וואָלטן אין דער וועלט, און איבערהויפט ביי יידן, געדאַרפט זיין גאָר אַ סך הומאָריסטן. ס'איז אָבער ווייט נישט אַזוי — נישט ביי יידן און נישט ביי אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. אויך ביי אַזינע פעלקער איז די צאָל הומאָריסטן נישט גרויס, ווייל דווקא אונטערדריקונג גיט אַרויס אין דער סאַמע מערסטער צאָל ערנסטע שרייבערס.

די פאַרגאַנגענהייט פון די מערסטע פעלקער האָט זיך מער אויסגעצייכנט מיט לעכערלעכע סאָציאַל - געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונגען, און דאָך זיינען זייערע מערסטע שרייבערס נישט געווען קיין הומאָריסטן, נאָר ערנסטע. אויך אין דער היינטיקער צייט זיינען נאָך די סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונגען אין דער וועלט גאָר ווייט פון נאָרמאַל און גערעכטיק, און ווען דאָס וואָלט געהאַט אַ שטאַרקן שטויס צו אַרויסברענגען הומאָריסטישע שרייבערס, וואָלטן מיר אויך היינט געדאַרפט האָבן אַ שיין ביסל טאַלאַנטן, וואָס זייער פאַך איז הומאָר. אָבער די זאַך איז ניט אַזוי. די אויבערהאַנט אינעם אַרויסברענגען טאַלאַנטן אין דער שיינער ליטעראַטור, האָט גראָד ערנסטקייט. אפילו די לעכערלעכקייטן באַגעגנט מען מער מיט אוממיטלבאַרן ערנסט ווי מיט הומאָר.

אַוודאי איז אמת, אַז אונטערדריקונג באַשטייט פון לעכערלעכע איינשטעלונגען וואָס קענען זיין דער שטאָף פאַר הומאָר. און אַוודאי טרעפט אַז די הילפלאָזיקייט איז זיך נוקם אינעם אונטערדריקער דורך אָפלאַכן פון אים, ווייל מענטשלעכע מעכטיקייט איז אין תוך די לעכערלעכקייט. יעדע אונטערדריקונג איז אַ געוויקס פון דער דאָזיקער „מעכטיקער" לעכערלעכקייט. אויך אַ סך פון די מעכטיקע וואָלטן געדאַרפט לאַכן פון זיך אַליין. אפילו ווען דער רוב מענטשן ביי מעכטיקע פעלקער זאָלן זיין פאַרבלענדט פון מעכטיקייט, וואָלטן זיך געדאַרפט געפינען ניט ווייניק אַזינע, וואָס זאָלן לאַכן פון דער לעכערלעכקייט, וואָס הייסט: מעכטיק. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז ביי אַלע פעלקער, סיי ביי אונטערדריקטע און סיי ביי מעכטיקע, איז די גאָר־גאָר איבערוועגנדיקע מערהייט ערנסטע שרייבערס. אויך די לעכערלעכקייט מוז באַהאַנדלט ווערן פיל מער דורך ערנסט ווי דורך לאַכן, ווייל אין ערנסט זיינען אַלע דימענסיעס פון איבערלעבונג אַ סך טיפערע און ווייטערע.

עס גייט אין דעם, אַז דער שורש פון ערנסטקייט ליגט אינעם לעבן גופא. די סאָציאַל - געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, ווי זיי זאָלן ניט שטויסן צו ערנסטקייט, ווייל זיי זיינען תמיד דער אויסדרוק פון אַ געוויסן טייל פון לעבן, זיינען זיי אָבער אין דער אמתן נאָר דער קלענסטער טייל. לעבן אין גאַנצן גענומען, איז דער וויכטיקסטער טייל פונעם באַשאַף, און דער טראָפ און דער גרונט פון איבערלעבן אַלע טיפענישן וואָס לעבן האָט, איז די גאַנצע אַלוועלט. דאָס הייסט, אַז די אַלוועלט און דאָס לעבן זיינען צו ערנסט.

זיי זיינען פול מיט סיבות, סיי דראָענדיקע, סיי סטאַטישע, וואָס מאַכן די געבוירענע אויף דער ערד ערנסט שוין פון געבוירן אָן. ערנסטקייט אין די געבורטן איז אפשר אויך ווי אַ מין ירושה, וואָס גיט זיך איבער פון דור צו דור און פון מענטש צו מענטש. עס ווערן געבוירן ווייניק גאָר לאַכנדיקע קינדער, און נאָך ווייניקער אַזוינע, וואָס פאַרבלייבן לאַכנדיק שפּעטער. די גאָרע ערנסטקייט וואָס פליסט פונעם באַשאַף און לעבן, סיי פאַרהוילן און סיי עפנטלעך, האָט, זעט אויס, שוין פאָרמירט דעם פּסיכישן שטאַנד ביי די ערשטע מענטשן ביז צו אַזאַ פאַרנעם, וואָס איז געוואָרן ווי אַ פּסיכישע ירושה. דער מענטש איז פון זיין אָנהייב אָן אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טיפער, פילשאָטנדיקער ערנסטקייט.

געוויס איז אויך טיפער הומאָר אַ גאָר וויכטיקער דראַנג אינעם אוממיטלבאַרן גייסט, אַ געבענטשטע כּלי צו אַנטפּלעקן לעבן. ער אַנטהאַלט אויך אין זיך אין אַ גאָר היפּשער מאָס דאָס לירישע, וואָס כוואַליעט מיט אַ סך וויסן אונטערן געלעכטער. אָבער דער גאָר טיפסטער גרונט פון לירישן איז נאָר דער ערנסט. דער יהי אור איז נישט געקומען מיט קיין הומאָר. דאָס גרויסע ליכט אַנטהאַלט תמיד דעם אומענדלעכן ערנסט. אַלץ וואָס איז מער סוד, מער מיסטעריע, איז מער ערנסט. אַזוי איז דער באַשאַף, ווייל אַזוי מוז עס זיין מיט אַזאַ מיסטעריעזן פאַרנעם. אָבער הומאָר, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין, איז אַ טיילווייזע אָפּווענדונג פון דעם דאָזיקן חוב, ווייל עס איז נישט דאָס פולע לירישע, ניט די גאָרע פולקייט אינעם סאַמע וויטסטן אויפגאַנג. אפילו אין זיין העכסטן מוסטער איז עס מער ווי יעדער אַנדער קונסט, אַ פולע נייגונג צום געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַלן סדר, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן אַרום זיך. ער מוז זיין מיט אַ נייגונג צו אַלע לעכערלעכקייטן פונעם לעבן, הגם ער פאַרריכט זיי און גיט זיין אַ תיקון. אָבער אָן די לעכערלעכקייטן האָט ער דאָ ניט וואָס צו טאָן.

גרויסער הומאָר איז אין הינטערגרונט, עס הייסט, אַז אפילו אויך דאָס וואָס טיף און ערנסט, איז עס נאָך אַלץ נישט יענע ווייטסטע ערנסטקייט, וואָס ווערט מערסטנס באַגערט דורך דעם מענטשלעכן גייסט. די הומאָר־ערנסטקייט, ווי ווייט עס זאָל ניט גיין, ווערט סוף כּל סוף געהאַמעוועט דורכן געלעכטער. זי קאָן ניט אויפן גרינטלעכסטן אופן באַהויכן די סאַמע ווייטסטע סודות פון באַשאַף און לעבן, וואָס זייער מקור איז דער דורכאויסיקער ערנסט.

און אין דעם טאַקע ליגט די אורזאַך, וואָס די גאָר מערסטע אוממיטלבאַרע טאַלאַנטן זיינען פון זייער ערשטן שאַפערישן פּרווו באַנומען פון אַ מיסטישער ערנסטקייט. וויפל ס'זאָלן נישט זיין לעכערלעכקייטן, געשאַפן פונעם סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס זיי זיינען עס דער אַפּיל פאַרן הומאָריסט, איז אָבער דער אַפּיל פון דער מיסטישער ערנסטקייט אַן אומענדלעכער, און ציט צו די באַגאַבטע מענטשן־קינדער אין דער ווייט־גרעסטער מערהייט.

---

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „**חשבון**". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**